נייעס און נאטיצן

שקלי הקודש

קריאת הקודש של
כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

# אך ״מעין״ ובור מקוה מים יהיה טהור

מיט גרויס ענטוזיאזם ווערט אויפגענומען די בשורה טובה ומרנינה

**ליסוד קדושתן וטהרתן של ישראל,**

אז נאך לאנגע זוכעניש האט מען בעזרת הקב״ה המטהר את ישראל

# געטראפן א קוואל

אינעם שטח פון די ״מקוה טהרה״ אויף וואלווארט סטריט – וויליאמסבורג

## קלארע לויטערע וואסער, באר מים חיים

**וואס איז דער גרעסטער הידור פאר א טבילה דאורייתא**

מקוה טהרה
ד'קהל יטב לב
ד'סאטמאר

# ושאבתם מים בששון
# "ממעייני" הישועה

## לעצטערע נאטיצן:

- אין די לעצטע וואכן איז אנגעגאנגען די בוי ארבעט צו זוכן א קוואל אינעם שטח פון די מקוה טהרה, אונטער די הדרכה פון **הגה"צ אבד"ק ור"מ סאטמאר וויליאמסבורג שליט"א**, וועלכער האט אונטערגענומען די הייליגע אונטערנעמונג לקדושתן של ישראל, על פי הוראתו פון מר אביו הגדול **כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**.

- די גאנצע ארבעט ווערט געטוהן מיט די גרעסטע מאס חומרות והידורים, על פי הוראותיו פון **מרן רבינו קוה"ק זי"ע**, ווי ער האט אראפגעשטעלט די הייליגע יסודות לקדושתן של ישראל.

- על פי פקודת הקודש פון **כ"ק מרן רבינו שליט"א** ווערט יעדע דעטאל איבערגעשמועסט מיט **הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א בעל שו"ת אגלי דבש**, מפארי התלמידים פון מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע.

- די גאנצע ארבעט אין די מקוה גייט אן דורך א שטאב פון מומחים, מיט די אנפירערשאפט פון הרבני החסיד **מו"ה שמואל זנוויל פאלאטשעק הי"ו** פון קרית יואל, וועלכער איז געווען דער בונה ומקים פון די מקוה אין קרית יואל און האט אויך געהאלפן בויען די מקוה טהרה אין מאנסי.

- די אנגייענדע ארבעט ווערט אנגעפירט דורך האברך החשוב **מו"ה יעקב טעללער הי"ו** יד ימינו ונאמן ביתו פון רב שליט"א, וועלכער איז עומד על הפקודים אין אלע געביטן פון די מקוה טהרה וכל המסתעף.



- די לעצטע צוויי וואכן האט מען אראפגערופן די גרעסטע מומחים צו פרובירן טרעפן א קוואל, וואס איז ווי באקאנט די מערסטע מהודר ביי א מקוה טהרה, ובפרט ביי א טבילה דאורייתא, **בכוחו וזכותו של אותו זקן רבינו הקדוש זי״ע** דער מייסד הקהלה ועמוד טהרתן של ישראל, **איז ב״ה געלונגען צו טרעפן א מעכטיגן קוואל**, ביי דעם יעצטיגן טיפקייט פון בלויז 20-15 פוס, וואס ס׳גיבט ארויס קלארע שפרידלדיגע וואסער, באר מים חיים נוזלים, כמוצא מים אשר לא יכזבו מימיו.

- פארגאנגענעם מאנטאג פר׳ עקב, איז **הגאון דומ״ץ קרית יואל שליט״א** ספעציעל אראפגעקומען זיין מפקח אויף די גרויסע מציאה, און באשטעטיגן דעם פונקטליכן פראצעדור פון צוגרייטן די מקוה מיט דעם שפרידלדיגן קוואל, מים חיים.

- אזוי אויך אין די פאלגענדע טעג קומען אראפ **מערערע רבנים ומורי צדק שליט״א** צו באטראכטן דעם קוואל, און זיין קענען זיך נישט גענוג אפוואונדערן פון די גרויסע סייעתא דשמיא אז מ׳וועט קענען בעז״ה ווייטער מרחיב זיין די גבולי הטהרה אויף אזא שטארקן פארנעם.

- אין די קומענדיגע וואכן, חצי אלול ה׳תשס״ט לפ״ג, וועט אי״ה פארקומען דער **נייער זמן למסירת ״שקלי הקודש״**, ווען **כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א** וועט אריינקומען קיין וויליאמסבורג אפצונעמען די נדבות פונעם ציבור אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר.

## ויחפרו בנחל וימצאו שם

# באר מים חיים





דער גראפיסט 917.549.4378


Northern
DRILLING INC
845-774-3311
LEGEND 4








וימצאו שם
באר מים חיים
אידן דערציילן אז זיי האבן באופן הפלא ופלא פערזענליך
געטראפן
א קוואל
פון
הכונו!
חצי אלול ה'תשס"ט לפ"ג
הבא לקראתינו לשלום
דורות ישרים ומבורכים
זרע של קיימא
זיווגים
נחת דקדושה
הרחבת הדעת
רפואה שלימה
פרנסה בניקל
מזוני רויחי
שקלי הקודש




דער גראפיסט 917.549.4378